WE ARE YOUR DOL

NEW YORK STATE | Department of Labor




# אינפארמאציע פאר ארבעטסגעבער

## רעכטן פון זייגנדע ארבייטער צו פאמפן מילך ביי די ארבעט

### ארבעטער האבן די רעכט צו פאמפן מילך ביי די ארבעט

ניו יארק סטעיט לעיבאר געזעץ אפטיילונג 206-c גאראנטירט פאר ארבעטער א צייט צו פאמפן מילך ביי די ארבעט.

### ביזנעסער וואס ווערן געדעקט

די געזעץ איז גילטיג פאר אלע פאבליק און פריוואטע ארבעטסגעבער אין ניו יארק סטעיט, אפגעזען פון מאס אדער נאטור פון זייער ביזנעס.

### ארבעטסגעבער נאטיץ פאדערונג

אלע ארבעטסגעבער מוזן איינמעלדן אלע זייערע ארבעטער איבער די רעכט צו נעמען אן אומבאצאלטע צייט צו פאמפן מילך. ארבעטער מוזן ווערן איינגעמאלדן ווען זיי ווערן אויפגענומען, און פון דאן און, איינמאל א יאר. ארבעטסגעבער מוזן אויך דערמאנען יעדע ארבעטער וואס קומט צוריק נאך די געבורט פון א קינד איבער די רעכטן. אלס אן ארבעטסגעבער, קענט איר איינמעלדן אייערע ארבעטער איבער די רעכט דורך זיי צושטעלן א געדרוקטע קאפי פון די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון לעיבאר (NYSDOL) פאליסי אדער דורך אימעיל. די פאליסי איז אוועילעבל דא **on.ny.gov/breastmilkexpression**. ארבעטסגעבער מוזן מעלדן אלע ארבעטער א צימער איז געווארן באשטימט פאר פאמפ'ן ברוסט מילך.

### ארבעטסגעבער נאטיץ פאדערונג

ארבעטער וואס ווילן פאמפן מילך אין די ארבעט ווערן מוזן איינמעלדן זייערע ארבעטסגעבער פון פאראויס - בעסער פאר זיי קומען צוריק צו די ארבעט נאכן נעמען אפרוה. ארבעטער מוזן לאזן וויסן פאר זייערע ארבעטסגעבער שריפטליך. די ביטע קען ווערן געשיקט דורך אימעיל, טעקסט מעסעדזש, געשריבענע קארעספאדענץ אדער סיי וועלכע טשעט באזירטע עפפ וואס ווערט כסדר באנוצט דורך די ארגאניזאציע פאר קארעספאדאנץ וואס ערלויבט די מעסעדזשעס צו בלייבן. ארבעטסגעבער זאלן ראטן זייערע ארבעטער צו ארייננעמען די פאלגנדע אינפארמאציע אין זייער געשריבענע מעלדונג: ערווארטעטע דאטום וואס זיי וועלן צוריק קומען, דעטאלן איבער וויפיל מאל א טאג זיי ערווארטן זיי וועלן דארפן פער טאג, און פאטאנציעלע צייטן וואס זיי וועלן דארפן צו פאמפן מילך. נאכן באקומען א ביטע, מוזן ארבעטסגעבער ענטפערן שריפטליך ביז פינף (5) טעג צו ארבעטער.

### צייט פון די רעכט צו פאמפן מילך

אן ארבעטער מעג נעמען א פויזע צו פאמפן מילך ביי די ארבעט ביז דריי יאר נאכפאלגנדיג די געבורט פון א קינד.

### לענג פון די פויזע

ארבעטערסגעבער מוזן געבן פאר זייערע ארבעטער כאטש 20 מינוט פאר יעדע אומבאצאלטע פויזע. ארבעטער קענען נעמען קורצערע פויזעס אויב זיי באשליסן אזוי. ארבעטער מוזן ווערן ערלויבט מער צייט אויב זיי דארפן עס.

### אפטקייט און צייטפלאן דורך די טאג

ארבעטערסגעבער מוזן לאזן ארבעטער נעמען פויזע כאטש איינמאל יעדע דריי שעה צו פאמפן מילך. יעדע ארבעטער איז אנדערש, און ארבעטסגעבער מוזן זיך צושטעלן צו יעדע ארבעטער'ס געברויך פאר מער אפטע פויזע אויב פעלט זיך אויס.

## אפעקט פון פויזע אויף אנדערע פויזע צייט

אויב אן ארבעטער באשליסט צו נעמען אן אומבאצאלטע פויזע צו פאמפן מילך, דעמאלס אלס אן ארבעטסגעבער קענט איר נישט אראפרעכענען די צייט פון די ארבעטער'ס געווענליכע באצאלטע פויזע אדער צייט פון עסן. אין צוגאב, אויב אן ארבעטער מאכט אפ צו נוצן געווענליכע באצאלטע פויזע צייט מוז די צייט נאך אלס ווערן באצאלט אפילו אויב עס ווערט גענוצט צו פאמפן מילך. ארבעטער קענען אויך באשליסן צו נעמען די פויזעס גלייך בעפאר אדער גלייך נאך די געווענליכע באשטימע באצאלטע פויזע אדער צייט פון עסן. צום ביישפיל, אן ארבעטער קען נעמען א 30-מינוטיגע מיטאג פויזע און דערנאך נעמען א 20-מינוטיגע פויזע צו פאמפן מילך גלייך נאך איר מיטאג פויזע, פאר א צאל פון 50 מינוט.

## צוריק צאלן פאר פויזע צייט

ארבעטסגעבער מוזן ערלויבן ארבעטער צו ארבעטן פאר אדער נאך זייער געהעריגע שיפט אויפצומאכן סיי וועלכע צייט גענוצט אלץ אומבאצאלטע פויזע צייט צו פאמפן ברוסט מילך, ווי לאנג דער צייט פאסט אריין אין דעם ארבעטסגעבער'ס געהעריגע ארבעטס שעות. איז אן ארבעטער נישט פארלאנגט צו אפצאלן זייער אומבאצאלטע פויזע צייט.

## פויזעס מוזן נישט ווערן באצאלט

ארבעטערסגעבער מוזן נישט באצאלן פאר ארבעטער פאר די פויזע צייט וואס זיי נעמען צו פאמפן מילך. ארבעטער האבן די אויסוואהל פון נוצן זייערע געווענליכע באצאלטע פויזע אדער צייט פן עסן צו פאמפן מילך, אבער זיי מוזן נישט טוהן אזוי. ארבעטסגעבער מוזן ווייטער צאלן סיי וועלכע אנגענומענע באצאלטע פויזע צייט פאר אן ארבעטער וואס פאמפט. ארבעטסגעבער קענען נישט פארלאנגען אז אן ארבעטער זאל ענדיגן פליכט בשעת'ן פאמפן, פענדעסטוועגן, אויב אן ארבעטער באשליסט אליין צו טוהן אזוי מוז מען באצאלן דעם ארבעטער פאר די צייט.

## צושטעלן א פלאץ צו פאמפן מילך

ארבעטסגעבער זענען באאויפטראגט צו צושטעלן ארבעטער מיט א פריוואטע צימער אדער ארט נאנט צו די ארבעטער'ס ארבעטספלאץ ווי זיי קענען פאמפן. אויב די ארבעטסגעבער קען נישט צושטעלן א ספעציעלע צימער פאר פאמפן, קען א צייטווייליג ליידיגע צימער ווערן גענוצט. אלס א לעצטע מיטל קען א קיוביקל ווערן גענוצט אבער עס מוז זייט אינגאנצן פארמאכט מיט ווענט פון כאטש זיבן פיס הויך. ביטע איבערקוקן די NYSDOL'ס פאמפן פאליסי פאר מער דעטאלן איבער ספעציפישע פלאץ פאדערונגען **on.ny.gov/breastmilkexpression**. איר זאלט זיך איבערשמעוסן מיט NYSDOL'ס דיוויזיע פון לעיבאר סטאנדארטן אויב איר גלייבט אז איר קענט נישט צושטעלן א פלאץ פאר אן ארבעטער צו פאמפן.

## בית הכסא שטיבער זענען פארבאטן

די פלאץ וואס איז צוגעשטעלט צו פאמפן ברוסט מילך קען נישט זיין א באדרום אדער בית הכסא שטוב.

## פאמפן צימער פאדערונגען

די פלאץ וואו די ארבעטער פאמפן מילך מוז האבן א בענקל און א קליינע טיש אדער אנדערע פלאכע אויבערפלאך, אן עלעקטרישע פלאג (אויב די ארבעטספלאץ האט עלעטריציטעט), גוטע אדער נאטוליכע ליכט, און צוטריט צו ריינע וואסער.  אויב איז דא א פרידזשידער מוזן ארבעטער ווערן ערלויבט עס צו נוצן צו האלטן געפאמפטע מילך.

## פריוואטקייט פון די פאמפן צימער

די צימער אדער פלאץ וואס ווערט צוגעשטעלט דורך די ארבעטסגעבער קען נישט זיין אפן פאר אנדערע ארבעטער, קונדן, אדער מעמבערס פונם פאבליק בשעת אן ארבעטער טוט פאמפן. עס זאל האבן א טיר מיט א פונקציאנירנדע שלאס, אדער אין פאל פון א קיוביקל, א טאוול מיט א ווארענונג אז די פלאץ איז אין באנוץ און קען נישט ווערן גענוצט דורך אנדערע. אויב די פלאץ האט פענסטערס מוזן זיי ווערן פארדעקט.

## דיסקרימינאציע אדער נקמה איז פארבאטן

ארבעטסגעבער זענען פארבאטן פון דיסקרימינירן אדער נקמה נעמען אין סיי וועלכע אויפן אנטקעגן אן ארבעטער וואס וועלט אויס צו פאמפן מילך ביים ארבעטספלאץ אדער וואס פיילט א קאמפלעינט מיט די NYSDOL. די דעפארטמענט נעמט באשולדיגונגען פון נקמה גאר ערנסט און וועט עס גלייך אויספארשן.

## אנקלאגע באהאנדלונג

יעדע צד קען פיילן א געהיימע אנקלאגע מיט די BYSDOL'ס דעוויזיע פון לעיבער סטאנדארטן וואס באהויפטעט דאס נישט איינהאלטן דעם געזעץ.

## ענליכע פעדעראלע געזעץ

לעצטיגע ענדערונגען אין די "פעיר לעיבער סטאנדארטס אקט" (Fair Labor Standards Act) טוט אויך באשיצן די רעכטן פון מאמעס וואס געבן צו זייגן פאמפן מילך ביי די ארבעט. פאר מער אינפארמאציע,פארבינדט אייך מיט די "וועידזש ענד האור דיוויזשן אוו די U.S. דעפארטמענט אוו לעיבער" (Wage and Hour Division of the U.S. Department of Labor) אויף **1-866-4USWAGE**. דער פעדעראלע PUMP אקט איז אריין אין קראפט אין 2023, אויסצוברייטערן באשיצונגען פאר כמעט אלע ארבעטער וואס פאמפן ברוסט מילך ביים ארבעט. אונטער די PUMP אקט, זענען אלע געדעקטע ארבעטער וואס ווערן נישט צוגעשטעלט מיט פויזעס און גענוג פלאץ פאר ביז צו א יאר נאכ'ן געבורט פון א קינד קענען איינגעבן א קלאגע מיט'ן U.S. דעפארטמענט אוו לעיבאר אדער אריינגעבן א פראצעס אנטקעגן זייערע ארבעטסגעבער. פאר מער אינפארמאציע, ביטע באזוכט **dol.gov/agencies/whd/pump-at-work**.

## מער אינפארמאציע.

די NYSDOL האט ארויסגעגעבן א פאליסי אויף די רעכטן פון ארבעטער צו פאמפן ברוסט מילך אינעם ארבעטספלאץ די פאליסי, וואס ארבעטסגעבער מוזן צושטעלן פאר אלע ארבעטער, איז דא צו אנליין אויף **on.ny.gov/breastmilkexpression** אין צוגאב, קענט איר רופן די NYSDOL אויף **1-888-52-LABOR**, שיקן אן אימעיל צו NYSDOL צו **LSAsk@labor.ny.gov**, אדער קומען צו די נעגסטע דיוויזע אוו לעיבער סטאנדארטן אפיס פאר מער אינפארמאציע. א ליסטע פון אונזערע אפיסעס איז אוועילעבל אויף **labor.ny.gov/workerprotection/laborstandards/workprot/lsdists.shtm**.